**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/13/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**געלט אין אייער קעשענע: גאווערנאר האקול שלאגט פאר מאסנאמען אראפצוברענגען דעדרוקנד-טייערע קאר אינשורענס ראטעס**

***נייע פארשלאגן וועלן באקעמפן שווינדלעריי, באגרעניצן געלטער באצאלט פאר שלעכטע אויפפירער און פארזיכערן אז קאסטומערס, נישט אינשורענס פירמעס, ווערן געשטעלט ערשט***

***בויעט אויף גאווערנאר'ס באמיאונגען צו מאכן ניו יארק סטעיט מער עפארדעבל און צוריקשטעלן געלטער אין די טאשן פון ניו יארקער***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א סעריע זעלבסט פארשטענדליכע טוישונגען צו אראפברענגען קאר אינשורענס ראטעס און נעמען שריט אנטקעגן שלעכטע אויפפירער וועמנס פאלשע קלעימס טוען ארויפטרייבן קאסטן פאר שווער ארבעטנדע ניו יארקער אלס טייל פון איר 2026 סטעיט פון די סטעיט. די נייע פארשלאגן רעכנען אריין א צוגאנג וואס נעמט אריין אלע שטאפלען פון רעגירונג צו באקעמפן קאר אינשורענס שווינדלערייען. די פארשלאגן בויען אויף גאווערנאר Hochul'o (האקול) באמיאונגען צו מאכן ניו יארק סטעיט מער עפארדעבל און צוריקשטעלן געלטער אין די טאשן פון שווער ארבעטנדע ניו יארקער.

"קאר אינשורענס ראטעס זענען פשוט אסאך צו הויעך, ספעציעל אין א צייט ווען פאמיליעס שפירן זיך דעדרוקט פון די הויכע לעבנס קאסטן," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "הויכע קאר אינשורענס ראטעס טוען נישט בלויז אפעקטירן דרייווער, זיי אפעקטירן אלע ניו יארקער ווען ביזנעסער ווארפן ארויף די געהעכערטע קאסטן אויף קאסטומערס. די טוישונגען וועלן באקעמפן שווינדלערייען, העלפן אראפטרייבן קאסטן, און צוריקשטעלן געלטער אין די טאשן פון שווער ארבעטנדע ניו יארקער."

ניו יארקער באצאלן פון צווישע די העכסטע קאר אינשורענס ראטעס אינעם לאנד — דערגרייכנדיג א סך הכל פון אביסל העכער 4,000 דאלאר אין דורכשניט, כמעט 1,500 דאלאר מער ווי די נאציאנאלע דורכשניט. קאר אינשורענס ראטעס ווערן ארויפגעטריבן דורך א צאמשטעל פון שווינדלערייען, ליטיגאציע, לעגאלע לופ-האולס און ענפארסירונג לעכער, מיט געפלאנטע צאמקראכן און פארבינדעטע אינשורענס שווינדלערייען וועלכע העכערן יעדער איינעם'ס פרימיומס מיט אזויפיל ווי 300 דאלאר א יאר אין דורכשניט לויט געוויסע שאצונגען.

<u>**באקעמפן שווינדערייען צו נידערן ראטעס פאר אלגעמיינע ניו יארקער**</u>

שווינדלעריי איז א גרויסע חלק פון דאס טרייבט הויכע אינשורענס פרימיומס. מער און מער פארגעשריטענע שפילער שפילן אויס קאמפלעצירטע אקסידענטן, געאייגנט צו ערמעגליך "דשעקפאט" באצאלונגען פון אינשורענס פירמעס אדער דשורי אווארדס. די שווינדלערייען טוען שטעלן אין געפאר די זיכערהייט פון ערליכע דרייווער, פאראורזאכנדיג פראפערטי שאדן, און העכערנדיג ראטעס פאר דרייווערס דורכאויס דעם סטעיט. לעצטנס, טוען מער און מער שווינדלערייען ארייננעמען מער ווי בלויז איין שפילער ביים רעדל, און ווערן אנגעפירט דורך ארגעניזירטע קרימינאלע באנדעס.

ליידער, טוען די שווינדעלרייען ווערן מער און מער פארשפרייט. אין 2023, זענען געוועהן 1,729 געפלאנטע קראכן אין ניו יארק סטעיט, וואס שטייט די צווייט-העכסטע אינעם לאנד פאר פעלער פון געפלאנטע שווינדלעריי. אין סך הכל, האבן אינשורענס פירמעס באריכטעט 38,270 אינצידענטן פון פארדעכטיגטע מאטאר וויהיקעל אינשורענס שווינדלערייען צו די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) אינשורענס שווינדלערייען ביראו (Insurance Frauds Bureau) אין 2023 — א רעקארד הויכע ציפער. לויט די אינשורענס אינפארמאציע אינסטיטיוט (Insurance Information Institute), טוען געפלאנטע קראכן און פארבינדעטע אינשורענס שווינדלערייען העכערן יעדער איינעמ'ס פרימיומס מיט אזויפיל ווי 300 דאלאר א יאר אין דורכשניט.

צו באקעמפן די ארגאניזירטע קרימינאלע פראוואן, טוט גאווערנאר Hochul (האקול) נעמען א צוגאנג וואס נעמט אריין אלע שטאפלען פון רעגירונג צו באקעמפן אינשורענס שווינדלעריי. די גאווערנאר וועט אויפפרישן די סטעיט'ס מאטאר וויהיקעל גניבה און אינשורענס שווינדלעריי פארמיידונג באורד ( Motor Vehicle Theft and Insurance Fraud Prevention Board), עס געבנדיג די כח צו פארשטערקערן איר באמיאונגען צו גרונטלעך אויספארשן און פראסעקיוטען אינשורענס שווינדלערייען דורכאויס דעם סטעיט. דאס וועט אריינגעמען דירעקט באאויפטראגן DFS, DMV, DCJS און NYSP מיט א מער פראעקטיוו און קאארדענירטע צוגאנג צו ענפארסירונג, אריינגערעכנט ספעציעל געווידמעטע ריסאורסעס און שטאב ביי סיי DFS און סיי NYSP וועלכע זענען קאנצענטרירט אויף קאר אינשורענס, און פארזיכערנדיג קאארדענאציע אין געזעץ ענפארסירונג רעאגירונג.

אין די צייט וואס די סטעיט טוט אויספארשן און בויען קעיסעס אנטקעגן סקעמערס און שווינדלער, וועט די גאווערנאר פארזיכערן אז אגענטורן טוען זיך צאמשטעלן מיט פראסעקיוטער איבער'ן סטעיט צו פארזיכערן אז פארברעכנס ווערן נישט אדורכגעלאזט אן קיין שטראף. כדי צו געבן פראסעקיוטער די געצייג וואס זיי דארפן צו צוברעכן ארגאניזירטע קרימינאלע באנדעס, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) פארלייגן לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז פראסעקיוטער קענען פארלאנגען קרימינאלע שטראפונגען אנטקעגן סיי וועלכע מענטש וואס איז פאראנטווארטליך פאר'ן ארגאניזירן א געפלאנטע אקסידענט, נישט בלויז די מענטש וואס זיצט ביים רעדל. ארבעטנדיג האנט-ביי-האנט מיט דיסטריקט אטארניס דורכאויס ניו יארק, וועט די סטעיט זוכן צו העלפן בויען קעיסעס וועלכע ברענגען אן ענדע צו די ארגאניזירטע שווינדלערייען וועלכע טוען בארויבן ניו יארקער דורך געהעכערטע אינשורענס ראטעס.

גאווערנאר Hochul (האקול) וועט אויך פאראויסריקן נאך באמיאונגען צו באקעמפן מעדיצינישע פראוויידערס וועלכע נעמען אנטייל אין שווינדלערייען דורך אונטערשרייבן פאלשע מעדיצינישע דיאגנאזעס וועלכע פירן צו ריזיגע באצאלונגען דורך אינשורענס, העכערנדיג די מעגליכקייט אז די וויסע-קאלנער פארברעכנס וועלן פירן צו צייטווייליגע אדער פערמענאנטע פארלוסט פון לייסענס פאר די פראוויידערס וועלכע טוען זיי באגיין.
סטעיט אגענטורן וועלן אויך פראבירן צו נעמען שריט ווען ניו יארקער דרייווער טוען אומלעגאל רעגיסטרירן זייערע וויהיקעלס אין אנדערע סטעיטס, וואס טוט פאלשערהייט רעדוצירן זייער דעקונג און העכערן קאסטן פאר געזעץ-אויספאלגנדע ניו יארקער דרייווער.

<u>**פארשטערקערן אינשורער קעגן-שווינדלעריי פראגראמען**</u>
אינשורענס פירמעס מוזן שפילן א צענטראלע ראלע אין באקעמפן שווינדלערישע אויפפירונג וואס צילט זייערע פאלסי-האלטער. פונדעסטוועגן, טוען יעצטיגע געזעצן באגרעניצן די מעגליכקייט פון אינשורער צו באשיצן זייערע געזעץ-אויספאלגנדע קאסטומערס קעגן שווינדלעריי און אביוז דורך באגרעניצן די צייט וואס זיי האבן צו אידענטיפיצירן, אויספארשן און באריכטן פעלער פון שווינדלעריי צו בלויז 30 טעג.

צו פארזיכערן אז שווינדלעריי ווערט אידענטיפיצירט און באשטראפט, וועט די גאווערנאר פארלענגערן די צייט וואס אינשורער האבן צו באריכטן שווינדלעריי און רעדוצירן אפהאלטונגען צו קענען באשולדיגן שווינדלעריי אין געריכט, געבנדיג פאר אינשורער מער צייט צו אויספארשן קלאגעס און זיך ארויסדרייען פון דארפן באצאלן פאר שווינדלערישע קלאגעס. לעגיסלאציע וועט באלאנסירן מער בויגזאמקייט צו באקעמפן שווינדלעריי מיט די געברויך צו אפהיטן וויכטיגע קאנסומער באשיצונגען, א שטייגער ווי ערלויבן פאליסי-האלטער צו באקומען 2 פראצענט ריבית אויף סיי וועלכע באצאלונג וואס אינשורער האלטן צוריק אלס אן אינצענטיוו צו פארזיכערן אז אינשורער ריקן זיך שנעל מיט'ן אפשאצן עכטע קלאגעס.

**<u>באגרעניצן אינשורענס באצאלונגען פאר מענטשן פארמישט אין אומלעגאלע אויפפירונג אין די צייט פונעם אקסידענט</u>**

ווען דרייווער זענען פארמישט אין אומלעגאלע אויפפירונג אין די צייט פונעם אקסידענט, זאלן זיי נישט קענען געווינען קיין גרויסע אינשורענס געלטער. פונדעסוועגן, טוט די יעצטיגע געזעץ ערלויבן מענטשן וואס באגיין פארברעכנס, אריינגערעכנט די וואס דרייווען אונטער'ן איינפלוס, צו באקומען גרויסע אישורענס געלטער — אריינגערעכנט פאר פיין און יסורים און עמאוציאנאלע שוועריקייטן — וועלכע ווערן באצאלט פון די פרימיומס וואס ווערן בייגעשטייערט דורך געזעץ-אויספאלגנדע דרייווער.

גאווערנאר Hochul (האקול) וועט באגרעניצן די באצאלונגען פאר די סארט נאן-עקאנאמישע שאדן פאר דרייווער וואס זענען פארמישט אין קרימינאלע אויפפירונג אין די צייט פונעם אקסידענט. ספעציפישע פארברעכנס וואס וועלן זיין אויסגעשטעלט צו באגרעניצונגען אין אינשורענס באצאלונגען נעמען אריין:

- מאטאריסטן אן אינשורענס, וועלכע האבן פארלעצט סטעיט פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט געזעצן, צוגעבנדיג צו העכערער קאסטן אין די אינשורענס מארקעט;
- מענטשן פאראורטיילט פאר'ן דרייווען אונטער'ן איינפלוס אין די צייט פון די אקסידענט; און
- מענטשן וואס באגיין א פעלאני (אדער אנטלויפן פון א פעלאני) אין די צייט פון אן אקסידענט.

**<u>באגרעניצן אינשורענס באצאלונגען פאר מענטשן וואס זענען "מערסטנס" שולדיג פאר'ן פאראורזאכן אן אקסידענט</u>**

ניו יארק איז אין א מינאריטעט פון סטעיט'ס וועלכע ערלויבן דרייווער וועלכע ווערן באשטימט צו זיין "מערסטנס" שולדיג אין אן אקסידענט נאך אלס צו באקומען גרויסע אינשורענס געלטער פאר שאדנס, אריינגערעכנט די אויבנדערמאנטע נאן-עקאנאמישע שאדנס. דאס באדייט אז אין ניו יארק, קען אפילו די דרייווער וואס ווערט באשטומט צו זיין מערסטנס שולדיג פאר אן אקסידענט אוועקשפאצירן מיט א גרויסע סומע געלט פאר יענער אקסידענט.

רוב סטעיטס — אריינגערעכנט קאלאראדאו, קאנעטיקוט, דעלעווער, מעסעשוסעטס און ניו דשערזי — האבן אבער א זעלבסט פארשטענדליכע כלל וואס טוט נאר ערלויבן צו באקומען געלטער פאר שאדן אויב די אנקלאגער טראגט נישט די עקיר שולד פאר די אקסידענט. גאווערנאר Hochul (האקול) וועט זוכן צו מאכן טוישונגען צו ניו יארק'ס געזעצן וואס וועט באגרעניצן די געלטער פאר נאן-עקאנאמישע שאדן וואס דרייווער קען באקומען אויב זיי זענען מערסטנס שולדיג פאר אן אקסידענט, אריינברענגנדיג א געוויסע מאס פאראנטווארטליכקייט פאר ווער עס ווערט פארגיטיגט נאך אן אקסידענט.

**<u>פארשטערקערן די ערנסטע שאדן שטאפל</u>**

ניו יארק'ס קיין-שולד אינשורענס געזעץ טוען ערלויבן מענטשן וואס ווערן געשעדיגט אין א קאר אקסידענט צו אריינגעבן קלאגעס פאר פארגיטיגונג וואס ציעט זיך ווייטער ווי בלויז פארגיטיגונג פאר די מעדיצינישע אויסגאבן אדער פארלוירענע געהאלט פארבינדן מיט'ן שאדן. די צוגעלייגטע פארגיטיגונג איז געאייגנט צו געבן שטיצע פאר די פיין און ליידן פון באטראפענע פון ערנסטע שאדן. די "ערנסטע שאדן" שטאפל איז געאייגנט צו אויסשליסן קלענערער שאדן פון פערזענליכע שאדן ליטיגאציע אין איינהאלטונג

פון די אריגינעלע ציל פון די קיין-שולד געזעץ צו האלטן לעטיגאציע בלויז פאר קאר אקסידענטן וועלכע פאראורזאכן ערנסטע שאדן.

פונדעסוועגן, איז ניו יארק'ס לעגאלע אפטייטש פון ערנסטע שאדן אומקלאר, נישט אלעמאל געניצט אויף די זעלבע וועג, און קען ארייננעמען צייטווייליגע שאדן וואס טוט בלויז שטעלן די מענטש אינעם זייט פאר א קורצע צייט נאכפאלגנדיג אן אקסידענט אנשטאטס די מער ערנסטע שאדן וואס וואלט זיך פארדינט גרעסערע געלטער. אן קיין יושר'דיגע און קלארע אפטייטש פון ערנסטע שאדן, קענען מענטשן אן קיין ערנסטע שאדן פראבירן צו אויסשפילן דעם סיסטעם צו געווינען אסטראנאמיש-הויכע "דשעקפאט" אווארדס פון געריכטן פארבינדן מיט די שאדנס-הייבנדע ראטעס פאר יעדער איינער.

די גאווערנאר וועט טוישן די ערנסטע שאדן שטאפל דורך פארשלאגן יושר'דיגע מעדיצינישע סטאנדארטן פאר וואס טוט למעשה קוואליפיצירן אלס ערנסטע שאדן. דאס וועס שאפן קלארע און ישור'דיגע כללים פאר ווערט פארערכנט אלס ערנסטע שאדן, פארמיידן אומנויטיגע און טייערע ליטיגאציע, און וועט העלפן אפשטעלן פעלער וואו מענטשן פראבירן צו אויסניצן א סיסטעם צו געווינען געלטער וואס שטימען נישט מיט די ערנסטקייט פון זייער שאדן און טוען ארויפטרייבן יעדער איינעם'ס ראטעס.

**<u>זיכער מאכן אז קאסטומערס, נישט אינשורענס פירמעס, בענעפיטירן פון די שפארונגען</u>**

זייט די 1970'ער, האט DFS אנגעהאלטן די איבעריגע פארדינסטן געזעץ (Excess Profit Law) אלס א קריטישע קאנסומער באשיצונג אנטקעגן קאר אינשורער וואס מאכן איבעריגע פארדינסטן אויף די ריקן פון קאנסומער. די געזעץ דינט אלס א "סורקיט ברעיקער" דורך פארלאנגען פון קאר אינשורער צו צוריקגעבן סיי וועלכע פארדינסטן וואס שטייגט איבער א געוויסע שטאפל דירעקט פאר פאליסי-האלטער. כאטש וואס קאר אינשורענס פירמעס האבן אין די לעצטע שטיק צייט נאר פארלוירן געלט, קען מען ערווארטען אז די טוישונגען צו קאר אינשורענס געזעצן ווי פארגעשלאגט פון אויבן וועלן ברענגען באדייטנדע אפעראציע שפארונגען פאר די אינדוסטרי. צו פארזיכערן אז שפארונגען אין רעזולטאט פון די גאווערנאר'ס פארשלאגן קומען אן צו ניו יארקער פאליסי-האלטער ווי עס דארף צו, אויב די טוישונגען ווערן איינגעפירט, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) פאראורדענען DFS צו איבעקוקן די איבעריגע פארדינסטן געזעץ און בעיקר די יעצטיגע שטאפל פון ווען דאס גייט אריין אין קראפט, צו פארזיכערן אז קאנסומער ווערן פריאריטיזירט.

**<u>פארמערן דורכזיכטיגקייט פאר פאליסי-האלטער אין די קאר אינשורענס מארקעט</u>**

צו אפט, טוען קאר אינשרונס ראטעס פאר פאליסי-האלטער זיך הייבן אן קיין ערלערונג אדער פארבינדונג צו סיי וועלכע אידענטיפיצירבארע טויש דאס צו ערקלערן. אין א צייט פון הויכע ראטעס, זענען ניו יארקער בארעכטיגט צו פארשטיין ווען און פארוואס זייערע אינשורענס ראטעס גייען ארויף. די גאווערנאר וועט פארמערן דורכזיכטיגקייט דורך פארלאנגען פון אינשורער צו איינמעלדן פאר פאליסי-האלטער איבער ראטע טוישונגען, ערקלערן פארוואס די טוישונגען קומען פאר, און געבן מער דעטאלירטע ערקלערונגען אויב עס ווערט שריפטליך פארלאנגט.

**<u>פארבעסערן אינצענטיוון צו דרייווען פארזיכערטערהייט</u>**

בשעת'ן זיך באשיצן אנטקעגן שלעכטע אויפפירער וועלכע טוען אויסשפילן דעם סיסטעם, זאלן אינשורענס פירמעס אויף זוכן געלעגנהייטן צו באלוינען דרייווער וועלכע פאלגן אויס די געזעצן און האלטן זיך און אנדערע פארזיכערט. גאווערנאר Hochul (האקול) וועט זוכן צו רעדוצירן אינשורענס קאסטן דורך איינשפאנען דרייווער אלס שותפים אין איר באמיאונגען צו מאכן אונזערע געסער מער פארזיכערט, נוצנדיג טעכנאלאגיע צו רעדוצירן אינשורענס ראטעס.

גאווערנאר Hochul (האקול) וועט פארלאנגען פון אינשורענס פירמעס צו געבן דיסקאונטס אויף אינשורענס ראטעס ווען דרייווער וועהלן אויס זיך צו אנשליסן אן פראגראמען וועלכע זענען אויפגעוויזן

געווארן צו רעדוצירן פעלער פון געפארפולע און טייערע אקסידענטן. אונטער די גאווערנאר'ס פארגעשלאגענע טוישונגען, וועלן ניו יארקער דרייווער וואס וועהלן אויס זיך צו אנשליסן אין פראגראמען וועלכע נוצן דעווייסעס, קאמערעס אדער סמארטפאון עפפס צו נאכפאלגן דרייווינג אויפפירונגען זיין בארעכטיגט פאר ביליגערער פערזענליכע ראטעס, צושטעלנדיג נידעריגערער פרימיומס פאר פארזיכערטע דרייווער.

די איניציאטיוו וועט העלפן שטעלן מער פארזיכערטע דרייווער אויפ'ן שאסיי בשעת'ן נידערן פרימיומס פאר יעדער איינער.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן